Yosefish, Fayvl.
Kh'loz op dem shidekh! : monolog fun gezeene un nisht-gezeene parshoynen.
In: Teater-gan-eydn : ale shlagers fun "Sambatayon".
Varshe, 1930. Bd. 2.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1903.22

Yosefish, Fayvl, 1893-
Kh'loz op dem shidekh! : monolog fun gezeene un nisht-gezeene parshoynen.
In: Teater-gan-eydn : ale shlagers fun "Sambatayon" : repertuar aynakters, komedies, monologn un farsn.
Varshe :Farlag "Kleyn-Kunst", 1930. Vol. 2.
Pp. 70-75.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID : NXYH01-B1851
CALL #: /3527

CC: 9114 DCF: [HBR]

Reduction ratio X 10.0

כ'לאָז אָפּ דעם שידוך!.

(מאָנאָלאָג פון געזעענע און נישט-געזעענע פאַרשוינען)

פ אַ ר ש ו י נ ע ן:

אַנשל — אַ קליינבירגערלעכער האַנדל-אָנגעשטעלטער.
ר' שלמה — דער אומגעזעענער שדכן.
א האַנד פון אַ בריוועטרעגער.

(די סצענע; אַ קליינן בחוריש צימער; ווען די פאָרהאַנג הויבט זיך אויף איז אויף דער סצענע קיינער נישטאָ. האַסטיק פאַלט אַריין אַנשל. רוקט צו דעם טיש צו דער טיר.)

אַנשל: אָט דאָס הייסט נעווען אַ שלאַק פון אַ ייד... וואָס וויל ער פון מיינע יאָרן? אָנגעזעצט זיך אויף מיר מיט אַ כלה אַריינגענאַרט מיך צו די תנאים, יעצט וויל ער דווקא. כ'זאָל מיט איר חתונה האָבן!... אַז יאַך האָב נישט צו איר קיין הארץ...

ר' שלמה (קלאַפּט).

אַנשל: ווער איז?

ר' שלמה: איך, שלמה, עפן אויף!

אַנשל (שטעלט אַרויף אַ שטול אויפ'ן טיש, זעצט זיך אין דערהויך): מ'קען נישט אַריינגיין.

ר' שלמה: אַ רגעלע, בלויז איין וואָרט.

אַנשל: אַ שאָד אייער אַרבעט. יאַך בין פאַרנומען, זאַיענטע.

ר' שלמה: אַז אַ וואָרט נאָר! איין וואָרט...

אַנשל: יאַך זאָג אייך מיט גוטן, איר זאָלט אָוועקגיין, פאַרשטאַנען?

ר' שלמה: וועגען דער כלה וויל איך רעדן. זי וואַרט דאָרט אויף דיר!

אַנשל: זי וואַרט? — נישקשה, מיידלעך וואַרטן לענגער און בלייבן אויך לעבן. (קריכט אַראָפּ פון דער שטול) קוים פּטור געוואָרן... קוק אים נאָר אָן מיין שדכן! אויסגעזוכט פאַר מיר אַ שידוך, מיט עפּעס אַ שטרויענע לאַלקע און וויל מיך מיט איר אויפ'ס כוח חתונה מאַכן! זי געפעלט אייך? — כאַפּט אייך צו צו איר און מיך לאָזט צורו... יאַך בין עפּעס אַ פאַרלעגענע סחורה, אַ באָוול — מ'זאָל מיר פאַרהאַנדלען אַזאַ חפץ? לאָם יאַך נאָר געבן אַ פינטל מיטן אויג לויפן מיר נאָך צען פאַר איינע. נאָר וואָס דען, אַזאַ זויער פּנים וועל איך נעמען? נישטאָ קיין פרייערס... יאַך ווייס, וויפל אַ ייִנגל ווי איך בין, איז ווערט! גענוג, כלאָז אָפּ דעם שידוך!.. און אויס חתן. אַ, וואָס, כ'האָב אונטערגעשריבן? — זאָל זי עס שיקן צום רעיענט וועלן צוריקומען פּראָטעסטירטע תנאים... אַז כ'רוף אָפּ ס'באַשטעלונג. קומט מיר עפּעס? וואָרן יאַך פיר מיך פאַ קופּיעצקו! וואָלט די סחורה געווען רעיעל — בין יאַך אַ קונה, אַז די סחורה איז אָבער בראַקאָוונע, הוילע בראַק, ווי אַזוי קען יאַך חתונה האָבן מיט אַזאַ כלה? זי איז איז דאָך הוילע בראַק:

בראַק חכמה, בראַק שיינקייט, בראַק מעות, עפּעס אַנדערש אויך בראַק... נאָר איין זאַך „ניע בראַקויע" — יאָרן, אויף צען שוואַכע קינדער צו פאַרטיילן. ווי אַזוי זשע

קען זי מיר געפעלן?.. זאָג יאַך מאַקע איינמאָל פאַר אַלע מאָל: גענוג! כ'לאָז אָפּ דעם שידוך און צריק בחור.

וואָרן ווי איז עס געהערט געוואָרן אַז מ'זאָל אַ חתן נאָך די תנאים פאַרבעטן נישט מער ווי אויף דריי וויעטשערעס און מכבד זיין אַלע דריי מאָל מיט ברויט און טראָען, מיין פּושישלע שוויגער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז געזונט צום האַרץ... און גיי האָב אַ האַרץ און האַלט עס אויס... צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד האָב יאַך דאַך געהאַט „נורמיס פּראָפּעסיע" — כ'בין געלאָפּן.

און דאָס איז נאָך גאָרנישט, וואָרן אַלץ ווייס זי מיין שוויגער: וואָס ס'איז שיין, וואָס מען מעג, וואָס ס'איז גוט... אומעטום איז איר זאָרג!.. וואָס פאַר אַן אַרבעט יאַך האָב, ווער ס'זענען מיינע באַקאַנטע. . צו כ'האָב ליב, אַז אַ פרוי רעדט אַ סאַך — ס'וואָלט געפּאַסט, כ'גיי מיט איר חתונה האָבן און נישט מיט דער טאָכטער...

וואָס האָט זי צו מיר אַ טענה? וואָס איז איר דאגע מיט וואָס פאַרא מיידלעך כ'בין געגאַנגען ביז צו די תנאים? און צו כ'האָב נישט אַמאָל אייגערס אַ „סומיעניע"?... אַז יאַך גיי מיט אַ מיידל זיך איך נישט באַ איר די סומיעניע"... און אויב אפילו יאָ, איז אויך נישט מיין שוויגער'ס געשעפט. יאַך האָב איר שוין אַסאַך געפרעגט, וואָס זי האָט געטון פאַר דער חתונה? זי האָט שוין מן-הסתם פאַרגעסן, אַז זי איז אַמאָל געווען אַ מיידל און געחלשט נאָך אַ ייִנגל, ווי איר טאָכטער היינט! נישטקשה, יאַך ווייס וואָס יאַך רעד!

מיין כלה איז געראָטן אין איר מאַמע. מיטן עסן, מיטן טרינקען, אפילו מיטן ניסן, נאָר מיט איין זאַך זענען זיי נישט ענלעך צו זיך — מיט די כאַראַקטערן.

מיין כלה איז אַ גוטסקייט. זי האָט אַ בריליאַנטענעם כאַראַקטער מ'שמועסט, אַז זי קען קיינעם נישט אָפּזאָגן... און דאַקעגן די מאַמע אירע איז אַ מרשעת, וואָס דיוועלט פאַרמאָגט עס גאָרנישט.

ערשט יענער וואָך האָב איך געזען אין וועמענס הענט יאַך פאַל אַריין. כ'פאַרשטיי נאָך, אַז מ'איז שלעכט צו אַ מאַן, צו פרעמדע אָבער צו אַן אייגענער טאָכטער אַזאַ גזלניש האַרץ צו האָבן.

ווי געפעלט אייך עפעס די זאַך

יאַך שטיי אַזוי יענער וואָך, באַנאַכט מיט מיין כלה אין הויז אין דער פינצטער, קומט זי נישט אַרויס מיט אַן אָנגעצונדן ליכט, איר טאָכטער צו להכעיס! אַ נס וואָס ס'איז שוין געווען נאָך צוויי אַ זייגער אַ נישט וואָלט יאַך איר באַלט געוויזן ווער ס'איז דאָ דער חתן, יאַך אָדער זי... און זאָל זי וויסן אויף נאָך אַמאָל, אַז ווען כ'שטיי מיט מיין כלה דאַרף יאַך נישט קיין ליכט!..

באַ מיר אין געשעפט האָב אָך שוין אפילו מיט פויזנער שיקסעס געהאַט צוטון און זיך אַן עצה געגעבן מיט זיי, וועל איך מיט מיין כלה נישט קענען... רעדן אין דער פינצטער?

מיין שוויגער מוז מיינען, אַז כ'בין איר מאַן דער שלימזל וואָס אַז זי כאַפּט דעם בעזעם צו דער קאָך, באַ-האַלט ער זיך אונטערן טיש! באַ מיר איז דאָס נישטאָ. יאַך האָב פיינט אַזעלכע וויצן...

נאָר כ'האָב מיך באַרעכנט אַזוי: די כלה געפעלט מיר שיי ווי נישט. די שוויגער איז אַ מרשעת, דער טאַטע — אַ שלימזל, דערצו איז צוויי באַנאַכט אין אַ פינצטער הויז

טאָ וואָס וועל איך מאַכן אַ געשריי... האָב איך די גאַנצע מעשה פאַרשוויגן.

כ'האָב אַלץ געוואַרט אַז ס'זאָל זיך עפּעס מאַכן און ס'איז טאַקע געשען:

היינט פאַרמיטאָג. — די כּלה האָט מיך אין מיטן גאַס געלאָזט שטיין און אַהיימגעלאָפן אין שטוב אַריין. זי וויל נישט, הייסט עס, מער מיט מיר רעדן, ווייל איך בין אַ "גרוביאַן"! באשר, מיר זענען געגאַנגען אויף דער גאַס און איר'ס אַ באַקאַנטער איז פאַרבייגעגאַנגען האָב איך צו איר גערעדט הויך אויף יידיש, און כ'האָב איר גערופן ביים וואָכעדיקן נאָמען: ראַצעלע...

נו, איז וואָס?

יאַך בין שולדיק, אַז זי הייסט „ראַצע"? און פון וואַנען זאָל יאַך וויסן, אַז דער וואָס גייט אונטער אונדז איז איר באַקאַנטער? — איז דערפאַר קומט מיט מיר אַריינגוגיין אין אַ טויער, געבן מיר דעם אמת'ן פּאַטש, און נאָך אָנרופן מיך גרוביאַן? זי פּאַטשט—און יאַך בין דער גרוביאַן.

מיר זענען נאָך נישט נאָך דער חופּה, וואָס זי פּאָזוואָליעט זיך אַזוי! כּל-זמן יאַך שטיי נאָך נישט אינטער די פיר דרענגלעך קאָן יאַך מיך נאָך צושטעלן צו אַ צווייטער. ווייל נאָך דער חתונה איז שוין אַ גאָט-זאַך, אָבער אַצונט זאָג יאַך: גענוג זי איז צריק מויד און יאַך — בחור!..

(מ'קלאַפּט אין טיר)

וואָס? ווידער ר' שלמה? יאַך זאָג אייך מיט גוטן, איר זאָלט אַוועקגיין, וואָרן יאַך כאַפּ אַ בענקל... כ'חער ווילד!...

אַז יאַך דערמאָן מיך דעם אוצר מיט געלד וואָס מיין כּלה האָט מיט אָפּגעקאָסט... די בילעטן אין קינאָ, אין טעיאַטער...

אויף בעלער... בלויז דער סטרוזש, פאַר עפענען דאָס טויער, האָט דאָך געמאַכט אַ מאַיאָנטעק פון מיר, און אַז יאַך גיב אַ קוק וואָס כ'האָב פאַר דעם אַלעם געקריגן (נעהמט ארויס אַ זייגער) עפּעס אַ ציבעלע וואָס איז פונקט, ווי דאָס יידישע רחמנות-געפיל (קלאַפּט מיטן זייגער אָן טיש), אַז מ'קלאַפּט, וועקט עס זיך אויף; פינצטער ווערט מיר אין די אויגן, אַז יאַך דערמאָן מיך די האָרעוואַניע און כּוחות וואָס כ'האָב אַוועקגעלייגט אויף מיין כּלה, אַבי כ'זאָל איר קענען צופרידן שטעלן... אוי, מיינע יינגע כּוחות... (מ'קלאַפּט ווידער) וואָס ווילט איר פון מיר, איר קענט מיך עפּעס צווינגען, אַז יאַך וויל נישט... כ'זאָג אייך מיט גוטן איר זאָלט אַוועקגיין (מ'קלאַפּט) כ'האָב באַ מיר אַ רעוואָלווער.. צוויי רעוואָלווערן... יאַך שיס! „גאַבאָק" יאַך גיי שיסן (מ'קלאַפּט פעסטער) אָבער וואָס ווילט איר פון מיר? (וויי-נענדיק) יאַך וויל נישט מיין כּלה, גוואַלט! יאַך וויל נישט (סקלאַפּן ווערט שטאַרקער) יאַך וויל נישט מיט איר חתונה האָבן. כ'וועל מיך הענגען, איר הערט?.. קוים גייט איר נישט אַוועק פלעט איך אייך דעם קאָפּ...

(סקלאַפּן ווערט דונערנדיק; ער רוקט אַוועק דעם טיש, נעמט אַ שטיק האָלץ. עפנט לאַנגזאַם די טיר; אַ האַנט דערלאַנגט אַריין אַ בריוו).

אַזאַ ווילדער בריוועטרעגער, ר'האָט נישט געקענט זאָגן ווער ער איז! (רייסט אויף דעם קאָנווערט דערזעט די תּנאים) נאַ, זי האָט דאָך מיר צריקגעשיקט די תּנאים. אָבער ס'איז מיר נישט קיין חילוק, כ'לאָז אָפּ דעם שידוך!..

(פ אַ ר ה אַ נ ג)